**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/21/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול פארזיכערט 'מעידזשאר דיזעסטער' דעקלעראציע פון פרעזידענטביידן פאר קאמיוניטיס געשעדיגט דורך שווערע וועטער אום אויגוסט 18-19

***דעקלעראציע ברענגט פעדעראלע קאטאסטראפע הילף פאר סופאָלק, אסוויגאָו און לואיס קאונטיס***

***ניו יארק אויך געשאנקען צוטריט צו FEMA'ס געפארן פארמינערונג גרענט פראגראם צו שטיצן לאנג-טערמיניגע מאסנאמען צו רעדוצירן פארלוירענע לעבנס און באשיצן פארמעגנס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז פרעזידענט ביידן האט באשטעטיגט איר פארלאנג אז א 'מעידזשאר דיזעסטער' דעקלעראציע זאל ארויסגעגעבן ווערן כדי צו קענען צושטעלן פעדעראלע הילף פאר קאמיוניטיס וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך שווערע וועטער אום אויגוסט 18 און 19. די דעקלעראציע ערלויבט פאר פעדעראלע פינאנציעלע הילף צו שטיצן עפנטליכע אינפראסטרוקטור איבערבויאונג באמיאונגען אין סופאָלק, אסוויגאָו און לואיס קאונטיס. אזוי ווי די סטעיט ערווארט דעם פרעזידענט'ס באשלוס איבער דירעקטע שטיצע פאר היים אייגנטימער, וועלן מיר פארזעצן צו טוהן אלעס וואס מיר קענען צו העלפן די וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך עקסטרעמע וועטער דעם זומער.

"די שווערע וועטער אום אויגוסט 18 און 19 האט איבערגעלאזט עקסטרעמע שאדנס אריבער טיילן פון אונזער סטעיט, און איך בין דאנקבאר אז פרעזידענט ביידן האט באשטעטיגט מיין פארלאנג פאר א מעידזשאר דיזעסטער דעקלעראציע", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיין אדמיניסטראציע וועט ווייטער ארבעטן מיט FEMA צו פארזיכערן אז די באטראפענע באקומען די קריטישע געלטער וואס זיי דארפן צו קענען אנהויבן דעם ערהוילונג און איבערבויאונג פראצעדור."

א 'מעידזשאר דיזעסטער' דעקלעראציע פארזיכערט פינאנציעלע הילף פון די פעדעראלע רעגירונג, הויפטזעכליך דורך [FEMA'ס פובליק הילף (Public Assistance) פראגראם](), און עס ברענגט פינאנצירונג פאר לאקאלע רעגירונגען און בארעכטיגטע נאָן-פראפיט ארגאניזאציעס צו אוועקנעמען אפפאל, שוץ מאסנאמען און פארערכטונגען צו געביידעס און אינפראסטרוקטור, אריינרעכענענדיג שאסייען, בריקן, וואסער און אפלויף וואסער רייניגונג איינריכטונגען, קריטישע אינפראסטרוקטור פלעצער, סקולס, פארקס און אנדערע איינריכטונגען.

אלס טייל פון די דערקלערונג, איז ניו יארק אויך געגעבן געווארן צוטריט צו FEMA'ס האזארד מילדערונג גרענט פראגראמען. נאכפאלגענדיג א פרעזידענטליכע קאטאסטראפע דעקלעראציע, שטעלט FEMA צו געלטער פאר סטעיטס צו אדמיניסטרירן גרענט פראגראמען צו שטיצן לאקאלע געפאר מינדערונג פלאנירונג און לאנג-טערמיגע געפאר מינדערונג מאסנאמען צו פארמינערן די פארלוסט פון לעבן און צו פארבעסערן פראפערטי געשעדיגט דורך נאטירליכע קאטאסטראפעס. לאקאלע גאווערמענטס און געוויסע נאן-פראפיטס וואס פירן דורך אזוי-ווי-גאווערמענט פונקציעס זענען בארעכטיגט זיך איינצושרייבן

פאר די גרענטס. אלע קאונטיס אין די סטעיט וועלן האבן די מעגליכקייט זיך איינצוגעבן פאר די פונדינג. מער אינפארמאציע וועט ווערן אוועילעבלאין די פאלגנדע מאנאטן.

די דעקלעראציע בויט ארויף אויף א צאל פון די גאווערנער'ס באמיאונגען צו העלפן באטראפענע קאמיוניטיס זיך ערהוילן. אום אויגוסט 23, האט גאווערנער האקול דערקלערט א סטעיט אוו עמערדזשענסי און געמאלדן עמערדזשענסי הילף צו שטיצן היים אייגנטומער אפעקטירט דורך פלוצימדיגע פארפלייצונגען פאראורזאכט דורך די רעקארד רעגענעס. אונטער גאווערנער האקול'ס אנווייזונג, הויבט ניו יארק היימען און קאמיוניטי באנייאונג אן עמערדזשענסי פאררעכטיגונגס פראגראם וועלכע וועט צושטעלן גרענטס פון $50,000 פאר בארעכטיגטע היים אייגנטומער אין נאסאו און סופאלק קאונטיס. לויִס קאונטי איז געשאנקען געווארן צוטריט צו דעם פראגראם, און אזוי אויך הלוואות מיט נידעריגע אינטערעסט פון די פאראייניגטע שטאטן קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע ( U.S. Small Business Administration) נאכפאלגנדיג עקסטרעמע וועטער פריער דעם זומער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן